# יזכור !

**מיט 69 יאָר צוריק, אין אויגוסט 1944,**
**זענען פון דראַנסי אָפּגעגאַנגען די לעצטע טראַנספּאָרטן פון ייִדן**
**געפירט אין די טויט-לאַגערן.**

**יזכור** - די זעקס מיליאָן פון אונדזערע ברידער און שוועסטער, אומגעקומענע אין די שווערסטע ליידן דורך דעם נאַצישן רוצח.

**יזכור** - די העראָיִשע קעמפער פון וואַרשעווער און אַנדערע געטאָס, וועלכע האָבן מיט געווער אין האַנט, פאַרטיידיקט דעם כּבֿוד פון ייִדישן פאָלק;

**יזכור** - די צענדליקער טויזנטער ייִדישע זעלנער, ווידערשטענדלער און פּאַרטיזאַנער, געפאַלענע אין קאַמף אויף אַלע פראָנטן קעגן דעם נאַצישן שונא;

**יזכור** - די חיילים פון ישׂראל, וועלכע האָבן אויסגעקעמפט די ייִדישע מדינה און וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר איר עקזיסטענץ.

## ייִדן פון פּאַריז און פון די פּאָרשטעט, קומט מאַסנווייז

# זונטיק דעם 8טן סעפּטעמבער 2013

# 11.30 אַזייגער פאַרמיטאָג

**au Cimetière de Bagneux Parisien**

אויף דער

# יערלעכער טראַדיציאָנעלער יזכור-צערעמאָניע
# פון די סאָסיעטעס

**כּדי אָפּגעבן כּבֿוד אונדזערע קדושים און אויסדריקן אונדזער ווילן פון שלום פאַר ישׂראל און אויף דער גאַנצער וועלט.**

**די סאָסיעטעס און לאַנדסמאַנשאַפטן ווערן געבעטן צו קומען מיט זייערע פענער.**

נאָך דער אַלגעמיינער צערעמאָניע וועלן די סאָסיעטעס גיין צו די קבֿרים פון זייערע געזעלשאַפטן, אָפּגעבן כּבֿוד זייערע אומגעקומענע לאַנדסלייט.

**דער פאַרבאַנד פון די**
**ייִדישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך**

**קאָמוניקאַציע-מיטלען : אויטאָבוס 128 ביים פּאָרט ד'אָרלעאַן.**